STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02605

IKH HOB GELEBT IN POYLN

Yehezkel Gastwirt

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל גאָסטווירט

איך האָב געלעבט אין פּוילן

איבערלעבונגען

פערלאַג „אייגנס" ניו־יאָרק

יחזקאל גאַסטווירט

ב״ה

הקדמה

פון דער צייט, ווען איך האָב, צוריקגעקערט זיך צו די ברעגעס פון דעם אויסגע׳חלמ׳טען לאַנד אַמעריקע, ביז איצט, ליגט אַ שפּאַן פון צוועלף יאָר. די מלחמה איז דעמאָלט אַנגעגאַנגען. אויף דער איינלאַדונג פון דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס״, אין וועלכער איך האָב געהאַט אייניגע פּערזענליכע באַקאַנטע פון וואַרשע, האָב איך דעמאָלט אָנגעהויבן צו פאַרעפענטליכען אין „פאָרווערטס״ מיין סעריע אַרטיקלען אַ. ד. ט. „איך האָב געלעבט אין פּוילן״. איצט גיב איך די סעריע אַרטיקלען אַרויס אין בוך־פאָרם.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז עס איז ווייט נישט אַלעס, וואָס איך האָב אַדורכגעלעבט אונטער די נאַציס אין פּוילן. עס איז נאָך איצט שווער פאַר מיר צו באַרירן אַלעס. עס טוט נאָך וויי. פאַראַנען נאָך אַלץ זאַכן, צו וועלכע איך קאָן נישט צוטרעטן מיט דעם ניכטערנעם אויג פון אַן אָביעקטיוון באַאָבאַכטער. זיי זענען צו פּערזענליך און ווייטאָגדיג. זייענדיג פאַרשלאָסן און פאַריגעלט אונטער די שטאָלענע טויערן פון די קרימינאַלן און לאַגערן אינ׳ם „גענעראַל־גאָווערנעמענט״, (פּוילן) אין דייטשלאַנד און אינ׳ם אָקופּירטן דורך די נאַציס טייל פון פראַנקרייך, האָב איך גע׳חלומ׳ט אַ חלום, ווען איך וועל ווידער זוכה זיין צו זען די ברעגעס פונ׳ם „גאָלדענעם לאַנד.״ מיין חלום איז, מיט׳ן אויבער־שטנס הילף, מקוים געוואָרן, אָבער איך האָב נאָך אַלץ נישט זוכה געווען צו געוואונען צוריק מיין פרייהייט, נאָך אַזויפיל יאָרן פון פּיין און יסורים, וואָס איך בין אַדורך אונטער די נאַציס. די „סטאַטוע פון פרייהייט״ אינ׳ם ניו־יאָרקער האַפן האָט מיטן אויסגעשטרעקטן פאַקל אין איר רעכטער האַנט געוויזן דעם וועג פאַר די אָנקומענדיגע שיפן, אָבער מיר און מיין פאַמיליע האָט זי געהייסן אַ ביסל צו וואַרטן אויפן איינזאַמען אינזל אינ׳ם האַפן... איך האָב געווײנט דעמאָלט, ווי איך וויין איצט, ווען איך דערמאָן זיך אָן יענע טעג פון מיין צוריקקום אַ היים...

ווען איך קוק איצט צוריק צו יענע טעג און נעכט אין אייראָפּע, וואו מיר האָבן געלעבט אין שאָטן פון יסורים, אומקום און טויט, ווערט טראָץ אַלעם מיין האַרץ נישט אָנגעפילט מיט עסנדיגער שנאה. דער צוועק פון דעם ביכל איז נישט צו זייען האַס פון מענטש צו מענטש און פון פאָלק צו פאָלק. עס איז גיכער אַריינצוברענגען פאַרשטענדעניש, איינזען און ליבשאַפט פון איינעם צום אַנדערן. דער שונא האָט נישט באַוויזן אונז אויסצוראָטן אינגאַנצן. מיר זענען דאָ. מיט אונזער אַלטן ג־ט און מיט די גאָלדענע רייד פון אונזערע אַלטע נביאים!...

וואָרן־וואו נאָך איז פאַראַן אין דער וועלט אַ צווייט פאָלק, וואָס האָט אין משך פון זיין פיל טויזנט יאָריגער געשיכטע באַצאָלט מיט אַזויפיל קרבנות און בלוט, ווי מיר? ווי נאָך איז פאַראַן אַ צווייט פאָלק, וואָס האָט נישט אויפגעגעבן זיין פיל־טויזנט־יאָריגן חלום פון ברידערשאַפט, פון פריינדשאַפט צווישן מענטשן און פעלקער פאַרן געמיינשאַפטליכען ציל פון לעבן?...

ניו־יאָרק, תמוז, תשט״ז.

אַ וואָרט צו די אידען אין אַמעריקע, וואָס ריידען וועגען דייטשער
קולטור. פאַקטען און בילדער פון דייטשע רציחות
געגען אידען אין פוילען.

עס איז מיר די טעג אויסגעקומען צו רעדען מיט איינעם, וועלכער האָט אויסגעדריקט זיין שטוינונג און פאַרוואונדערונג איבער די רציחות און מערדע־רייען, וואָס די דייטשען זענען באַגאַנגען געגען די אידען. „אַזאַ קולטור־פאָלק, — האָט ער מיט שטוינונג געפרעגט, — אַ פאָלק פון געטע און פון שילער, פון קאַנט, שאָפּענהאַוער און פון לייבניץ — ווי איז עס מעגליך?״

איך מוז אייך זאָגען, אַז איך האָב אין יענעם מאָמענט, ווען דער איד האָט מיר געשטעלט די פראַגע, געפיהלט ממש, ווי דאָס האַרץ מיינס האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט פון טיפען פיין און פון ווייטאָג. אַ שוידער איז מיר דורך דורכ'ן לייב און מיין געדאַנק האָט גענומען גיך־גיך אַרבייטען, אַרויסרופענדיג בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט איינס בלוטיגער פאַר'ן אַנדערען. מיליאָנען אידען זיינען געמוטשעט, געפייניגט און אויסגעקוילעט געוואָרען אויף אַ ווילדען אכזריות'דיגען אופן, וואָס די שרעקליכסטע בלעטלעך פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע זיינען ווי אַ קינדער־שפּילעכעל געגען דעם. אָט איז געוואָרען אָפּגעמעקט, פאַרטיליגט און אַרויסגעריסען מיט'ן וואָרצעל דורך די דייטשע מערדער דער גאַנצער אידישער שטאַם פון אייראָפּע. איז פאַראַנען אַ איד דאָ אין ניו־יאָרק, וועמען אַ געטע, אַ שילער צו אַ קאַנט קען פאַרשטעלען די גרויסע אידישע טראַגעדיע, דעם גרעסטען חורבן אין דער אידישער געשיכטע.

צי דענקט טאַקע דער איד, אַז אַ געטע, צי אַ קאַנט, אָדער אַנדערע „דייטשע גדולים״ האָבען געשטערט די מערדער אין זייערע מעשים? און אפשר גאָר, ווען מיר זאָלען אַ טראַכט טון צוריק זיינען זיי עס געווען אָט־די „גרויסע גייסטער״ זייערע, וועלכע האָבען באַפליגעלט דעם הערשער־געדאַנק פון די דייטשען און זיי געטריבען צו אָט־די אומגלויבליכע מערדערייען?

און עס איז מיר געוואָרען זעהר טריויעריג, ווייל איך האָב געגלויבט, אַז דאָ אין ניו יאָרק וועלען נישט בלויז די מענשען, נאָר אפילו די קאַלטע שטיינער פון די ווענט וויינען און שרייען נאָך נקמה. איך האָב געמיינט, אַז דער געיאָמער איבער דעם גרויסען אומגליק און חורבן, וואָס איז צו אונז געשעהן, וועט זיך טראָגען עד לב השמים און אַז די הערצער פון אַלעמען וועלען פלאַקערן מיט ווילדער שנאה, אַ שנאה אויף דור־דורות צו דעם מערדער־פאָלק. ניין, מיר וועלען נישט, מיר קאָנען נישט און מיר טאָרען נישט פאַרגעסען! „זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך!״ (געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן אויפ'ן וועג!)
— קלינגט צו אונז אַריבער די וואָרנונג פון מיט פיל טויזענטער יאָהרען צוריק.
— דו זאָלסט ניט פאַרגעסען! און וויי צו אונז, אויב מיר וועלען פאַרגעסען!
און צו קאָנען מיר פאַרגעסען?

אין דער שטאָט יאַראָסלאַוו, גאַליציע, איז אין חודש יולי 1942 געשטאַנען אויף זייטיגע באַהן־רעלסען פון דער סטאַציע אָוועקגעשטעלט אַ פאַרזיגעלטער לאַסט־צוג מיט אידען.

ווער ווייסט? אפשר איז דער טויטען־לאַגער אין בעלזשיץ, וואוהין דער צוג איז וואָרשיינליך געשיקט געוואָרען, געווען גראָד דעמאָלט איבערגעפולט? דריי טעג איז דער צוג געשטאַנען אויף דער סטאַנציע אין יאַראָסלאַוו. אויפ'ן פערטען טאָג האָבען די דייטשען אויפגעעפענט איינציגוויז די לאַסט - וואַגאָנען, אַריינגעשיט אינעווייניג אומגעלאָשענעם קאַלך און די

וואַגאָנען צוריק פאַרמאַכט. אין די וואַגאָנען זיינען נאָך דעמאָלט געווען לעבעדיגע אידען, מענער, פרויען און קינדער. די טעג זיינען געווען אויסערגעוועהנליך הייסע. פון דער פייכטער לופט, וואָס האָט געהערשט אין די וואַגאָנען, האָט זיך דער קאַלך גענומען לעשען. די קולות, וואָס האָבען זיך געטראָגען פון די פאַרמאַכטע וואַגאָנען, זיינען געהערט געוואָרען מיילען וויט אַרום. דערנאָך איז אַלץ שטיל געוואָרען. אין אייניגע טעג אַרום האָבען די דייטשען ווידער געעפענט די וואַגאָנען און אַוועקגעפיהרט די פאַרברענטע קערפּערס פון די אידען אויף לאַסט־אָטאָמאָבילען הינטער דער שטאָט.

אַנהויבענדיג פון די חדשים יולי־אויגוסט 1941 זענען אַ טייל פון די אידען, וועלכע זענען אַרויסגעפירט געוואָרען דורך די דייטשען פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין פוילען, געבראַכט געוואָרען אויך אין דעם שטראָף־אַרבייטס־לאַגער אין סטאַלאָווע־וואָלאַ, נעבען ראָזוואַדאָוו, גאַליציע. די אַרבייט איז דאָרטען געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דער דייטשער ס. ס. און פון אוקראַינער אין דער דייטשער ס. ס. אין די אַרבייטס־האַלעס אונטער דער ערד, וואו עס איז געגאָסען און געשמידט געוואָרען אייזען צו פאַרשידענע קריגס־צוועקען. דאָרט האָבען געאַרבייט שקלאַפען־אַרבייט טויזענטער אידען, וועלכע זענען אַהער פאַרשלעפּט געוואָרען פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין פוילען דורך די ס. ס. (שוץ־שטאַפעל, אָדער „טויטען־קעפּלעך", ווי מען האָט זיי געררופען צווישען אידען, מחמת זיי האָבען געטראָגען אַלס אָפּצייכען אַ טויטען־קאָפּ אויף זייערע היטלען). ביי אַ שרעקליכער היץ האָבען אידען געאַרבייט אָן אַ ביסעל וואַסער, באַקומענדיג בלויז איין מאָל אין טאָג, נאָך דער אַרבייט, אַ וואַסערדיגע זופּ, און זעהר אָפט דאָס אויך נישט. די משחיתים, די דייטשען און די אוקראַינער אין דייטשע מונדירען, זענען געשטאַנען מיט נאַהאַיקעס אין די הענט, געפלאָכטענע פון אייזערנעם דראָט, וואָס איז געווען באַצויגען פון אויבען מיט לעדער, און געשלאָגען די האַלב־נאַקעטע אידען אָהן אַ פאַרוואָס און אָהן אַ פאַר־ווען. ווי אויף אַרויסצורופען נאָך מעהר דורשט, צו רייצען זיך מיט די אידען, זענען ספּעציעל אַוועקגעשטעלט געוואָרען עמערס מיט וואַסער, פון וועלכע די אידען איז אָבער נישט ערלויבט געוואָרען צו טרינקען, ווייל גלייך ווי אַ איד האָט זיך דערנעהנטערט צום עמער מיט וואַסער, האָט די נאַהאַיקע, אָדער אַ שטיק אייזען, זיך אַר פגעלאָזט איבר'ן קאָפּ און איבער די פּלייצעס פון דעם אידען. אויב דער איד איז אַנידערגעפאַלען אין חלשות, איז ער אויפ'ן אָרט דערשאָסען געוואָרען דורכ'ן וועכטער. פון דעם פּלאַץ וואו די אידען זענען געשלאָפען, אונטער'ן אָפענעם הימעל, זענען זיי יעדען טאָג געטריבען געוואָרען מיילען וויט צו דער אַרבייט אונטער'ן געקנאַל פון ביקסען־שאָסען. ווען די קויל האָט געטראָפען, איז געבליבען ליגען און אַנדערע זענען ווייטער געלאָפען, נישט געטאָרט זיך אפילו אומקוקען צו זעהן ווען די מערדערישע קויל האָט אַרויסגעריסען פון צווישען זיי. אין סעפּטעמבער 1942 איז געלונגען אייניגע צעהנדליג אידען אַרויסצורייסען פון די מערדער'ס הענט אין סטאַלאָווע־וואָלאַ און צו ברענגען זיי אין שפּיטאָל פון דער אידישער געמאָ אין באָכניא. עס זיינען געווען צווישען זיי אידען פון בענדין, קראָקע, סאָסנאָוויץ, וויעליטשקע און גדאָוו. צווישען זיי איז געווען ר' משה קלאַפּפער, דער שוחט פון קליינעם שטעטעל גדאָוו, נעבען קראָקע. מען האָט קיינעם צו זיי אין שפּיטאָל נישט צוגעלאָזען.

בלויז ווען עמיצער פון זיי איז געשטאָרבען, האָבען אייניגע אידען געמעגט נאָכגעהען נאָך דער לויה. און געשטאָרבען זענען אַ סך פון זיי. זיי האָבען מעהר נישט געקאָנט נישט עסען און נישט טרינקען. זייערע העלזער זיינען געווען ווי פאַרשלאָסען פאַר יעדען מין שפּייז — האָבען די אידישע וועכטערינס פון שפּיטאָל דערצעהלט. איך בין געווען אויף אייניגע לויות פון די געשטאָרבענע אידען אין שפּיטאָל. איך בין אויך אַנוועזענד געווען בעת׳ן פּרואוו ווי עס איז דורצופיהרען די טהרה לויט דעם אידישען דין. דאָס איז אָבער אין די מייסטע פאַלען געווען זעהר שווער צוליב דעם צושטאַנד פון די נפטרים. די גופים פון די מייסטע אידען זענען געווען שטאַרק אָנגעשוואָלען, די לייבער דורכגעצויגען מיט ברוינע און בלויע פּאַסמעס ווי פון שאַרפע שניטען פון מעסער — פון די קלעפּ וואָס זיי האָבען געקראָגען פון די רוצחים. די הענט און די פיס זענען אָפט געווען צובראָכען. איך האָב געזעהן פּנימ׳ער, וואָס זענען געווען איין מאַסע פון געשווילעכץ. דאָס אָרט, וואו די אויגען זענען געווען, איז געווען אָנגעצייכענט מיט בלויז צוויי טיפע שפּאַלטען. איך האָב געזעהען פּאַנאַנאַנדער־געעפענטע מיילער, וואָס הינטער די געשוואָלענע ליפּען איז נישט געווען צו זעהן קיין איין צאָן. איך האָב אויך גערעדט מיט ר׳ משה קלאַפּפּער, דעם גדאָווער שוחט, איינער פון די געצעהלטע אידען, וועלכער איז נאָכ׳ן אָפּזיין אין שפּיטאָל אייניגע וואָכען אַרויס פון דאָרטען פיזיש געשעדיגט, אָבער אַ לעבעדיגער. דאָס, וואָס ער האָט מיר דעמאָלט איבערגעגעבען וועגען די ליידען און מערדערייען וואָס די ס. ס. מערדער זענען באַגאַנגען געגען די אידען פון סטאַלאָוואַ־וואָלאַ, איז געווען שרעקליך און האָט צוגענומען אין די נעכט דעם שלאָף פון מיינע אויגען. דאָס אַלץ איז זעהר שווער איבערצוגעבען אין אַ קורצען אַרטיקעל.

ציי קאָנט איהר דאָס פאַרגעסען?

אין חודש ילוי 1942, בעת איינער פון די פילע מאָרד־אַקציעס אין די גאַסען פון שטאָט אין טאַרנאָוו, אין וועלכער עס זענען אומגעקומען טויזענטער אידען, האָבען די דייטשע מערדער געצוואונגען אידיש שוואַנגערע פרויען אַרויפצוגעהן אויף די העכסטע פּלאָרס פון די הייזער און פון דאָרטען האָבען די דייטשען אַרונטער־געשליידערט די שוואַנגערע פרויען אויפ׳ן גאַסען־בריק.

בעת דערזעלבער אַקציע אין טאַרנאָוו, האָבען די דייטשע מערדער צונויפגעקליבען קליינע אידישע קינדער גערעדט גוטע רייד און זיי צוגעזאָגט צוצופיהרען זיי צו זייערע מאַמעס. זיי האָבען נישט דערשאָסען די קינדער, ווי זיי האָבען עס געטאָן מיט זייערע עלטערען; זיי האָבען זיי צוגעפיהרט גרופּענווייז צו די הייזער, אָנגענומען די קליינע עופה׳לעך פאַר די פיסלעך און צושמעטערט זייערע שאַרבענס אָן די מויערען פון די הייזער. ציי קאָנט איהר אויך דאָס פאַרגעסען?

אין דער צווייטער העלפט פון יאָהר 1941 האָבען דייטשע אָפּטיילונגען אַרומגערינגעלט די שטעטלעך זאַטאָר, קאַלוואַריאַ־זעבזשידאָווסקאַ, זאַבלאָציע, וועלכע ליגען אין מערב׳דיגען טייל פון גאַליציע, נאָהענט צו שלעזיען. זיי זענען אַריינגעפאַלען אינמיטען דער נאַכט, ווי עס איז דער שטייגער פון באַנדיטען. זיי האָבען קיינעם נישט אַוועקגעפיהרט אין ערגעץ. זיי האָבען געשאָסען, גע׳הרג׳עט אויף די גאַסען, אין די הויפען, אין די הייזער און אין די בעטען אפילו, וואו נאָר די האָבען אָנגעטראָפען אַ איד. געצעהלטע אידען איז געלונגען זיך אַרויסצורייסען פון די נעגעל פו די רוצחים און זיי האָבען דאָס געבראַכט די טרויעריגע בשורות וועגען אָט די שטעטלעך אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון פוילען.

די צייטונגען האָבען לעצטענס געמעלדען וועגען דעם דייטשען גענעראַל האַמאַן, וועלכער איז אַריינגעפאַלען אין רוסישער געפאַנגענשאַפט. די צייטונגען האָבען דערביי צוגעגעבען, אַז דער זעלבער האַמאַן ווערט באַשולדיגט דורך די רוסען אין דורכפיהרען מאַסען־דערשיסונגען איבער דער ציווילער באַפעלקערונג פון מאַנכע שטעט אין רוסלאַנד. האַמאַן — דער נאָמען האָט אַרויסגערופען פאַר־צווייפלונג און טויט־שרעק ביי דער אידישער באַפעלקערונג פון צעהנדליגער שטעט און שטעטלעך פון מערב־גאַליציע. אַלס טשיף פון דער געסטאַפּאָ אין ניי־סאַנץ, האָט ער פערזענליך אָנגעפיהרט מיט די מערדערייען און מיט פאַר־שיקען אידען אין די טויטען־לאַגערען אין די ניי־סאַנצער קרייז, אין די יאָהרען 1941־42. אָט די נאַצישע רויב־און־מאָרד חיה האָט נישט בלויז אָנגעפיהרט מיט די מערדערייען געגען דער אידישער באַפעלקערונג פון צעהנדליגער שטעט און שטעטלעך, נאָר איז מיט זיינע פערזענליכע אכזריות׳דיגקייטען איבער־געשטיגען זיינע אונטערגעאָרדנעטע בלוט־הינט. ער איז פון דעם הויפט־מערדער, גענעראַל גובערנאַטאָר פראַנק, באַאופטראַגט געוואָרען מיט דער מיסיע דורכצו־פיהרען איינע פון די „אַקציעס״ אין דער רעזידענץ פון דעם גענעראַל־ גובער־נאַטאָר גופא, אין קראָקע. איצט איז ער אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט צו די רוסען. וואו זענען אָבער די צעהנדליגער טויזענטער אומגעבראַכטע אידען פון די חרוב׳ע שטעט און שטעטלעך אין פוילען, כדי צו קומען און אָנקלאָגען זייער מערדער?

די שחיטה אויף די אידען אין זלאָטשעוו.

אידישער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך געראַטעוועט און געבראַכט

די שוידערליכע נייעס אין זיין געבורטס.־שטעטעל באַכניא.

די צייטונגען האָבען געבראַכט די ידעה: „די שטאָט זלאָטשעוו, וואָס ליגט אין מזרח־גאַליציע, איז פאַרנומען געוואָרען דורך דער רויטער אַרמיי״. איצט וועט אויפגעהויבען ווערען דער פאָרהאַנג איבער די שוידערליכע גע־שעהענישען, וועלכע האָבען זיך פאַרלאָפען אין יענער שטאָט, נאָכדעם ווי די שטאָט איז פאַרנומען געוואָרען פון די דייטשען.

נאָר לאָמיר דערצעהלען איין פאַקט. נאָכדעם ווי די דייטשען זיינען באַפאַלען דעם סאָוועטען פאַרבאַנד און זיך גענומען אַריינרייסען אין די שטעט און שטעטלעך פון מזרח, האָבען זיך גענומען דורכרייסען בייזע ידיעות פון די שטעט און שטעטלעך וואו די נאַציס האָבן געבאַלעבאַטעוועט. אַזוי איז אויך אָנגעקומען די ידיעה פון זלאָטשעוו. געבראַכט האָט זי פון דאָרטען אַ אידישער יונגערמאַן, פאַלעק נעבענצאַל. ער האָט מיטגעמאַכט דעם חורבן אין זלאָטשעוו, נאָכדעם ווי די דייטשען האָבען פאַרנומען די שטאָט. דורך אויסערגעוועהנליכע נסים איז ער געראַטעוועט געוואָרען פון טויט. ער האָט זיך דערנאָך געלאָזט וואָנדערען איבער שטעט, שטעטלעך און דערפער; געגאַנגען איז ער מייסטענס ביינאַכט מיט פעלד־וועגען און מיט זייטיגע סטעזשקעס. אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט גערעדט אוקראַיניש און פויליש, איז עס איהם געלונגען, נאָך הונדער־טער געפאַהרען, צו דערשלאָגען זיך ביז באַכניא, וואו עס האָבען געלעבט זיינע עלטערן און שוועסטער. ער האָט דערצעהלט פאָלגענדעס:

אַ קורצע צייט נאָכ'ן אַריינמאַרשירען פון די דייטשען קיין זלאָטשעוו, האָבען זיי אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז אַלע אידען פון שטאָט מוזען זיך אין אַ באַשטימטען טאָג און אין אַ באַשטימטער שעה צושטעלן אויף אַ געוויסען פלאַץ אין שטאָט, פון וואַנען זיי וועלען איבערגעשיקט ווערען אויף אַרבייט. צו דער באַשטימטער שעה האָבען זיך פאַרזאַמעלט טויזענטער אידען. ס. ס. אָפטיילונגען האָבען זיך אָבער נישט באַגנוגענט מיט דעם, און זיי האָבען אַרויס־געלאָזט זיך אין אַ געיעג איבער די אידישע הייזער פון זלאָטשעוו, און וועמען זיי האָבען אַנגעטראָפען אין שטוב האָבען זיי אָדער דערשאָסען אויפ'ן אָרט, אָדער אַוועקגעשלעפט צום זאַמעל־פּלאַץ. פון זאַמעל־פּלאַץ האָבען די רוצחים ד' אידען אַוועקגעפיהרט אין לאַסט־אַטאָמאָבילען. די אַטאָמאָבילען זיינען אין אַ ביסעל צייט אַרום צוריקגעקומען ליידיגע און אויפגענומען פרישע אידען. קיינער האָט נים געוואוסט וואוהין מען פיהרט זיי. אָבער געפיהרט האָט מען זיי נישט צו דער אַרבייט, ווי עס האָבען געזאָגט די ליגנערישע דייטשע מערדער, נאָר אַרויס הינטער שטאָט, צום וואַלד־צו, וואו עס האָבען געוואַרט אויף זיי דייטשע מערדער מיט אַנגעשטעלטע מאַשין־ביקסען, וועלכע האָבען אויסגעשאָסן איין גרופּע אידען נאָך דער אַנדערער.

אין זלאָטשעוו האָבען דאַמאָלסט זיך אויך געפונען אַ סך אידען, וועלכע זיינען אַהער פאַרטראָגען געוואָרען גלייך ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, אין 1939, צווישען פוילען און דייטשלאַנד. צווישען די דאָזיגע אידען האָבען זיך געפונען אַ צאָל אידען פון באַכניא, ווי דער דערמאָנטער פאַלעק נעבענצאַל, די צוויי ברידער ישראל און אברהם־לייב פליישער און אַנדערע. די דערמאָנטע דריי זיינען געוועזן נאָך פון זייער היימשטאָט באַפריינדעט און האָבען זיך געהאַלטען צוזאַמען. אויך איצטער, אונטער די מערדערישע דייטשען, האָבען זיי אַכטונג געגעבען נישט צו פאַרלירען זיך און זעהן ווי נאָר מעגליך צו זיין צוזאַמען.

ווען די רוצחישע דייטשען האָבען אַנגעלאָדען די אידען אין לאַסט־אויטאָמאָבילען, האָבען זיי געשלאָגען מיט די קאָלבעס פון די ביקסען און ווילד געשריען. אַ סך אידען זיינען געבליבען ליגען פאַר'חלש'טע, פאַרבלוטיגטע אויף דער ערד. אָט די אידען האָבען די דייטשען דערשאָסען גלייך אויפ'ן זאַמעל־פּלאַץ, באַפעהלענדיג די אַנדערע אַרויפצולעגען די טויטע קערפּערס אויף די לאַסט־אַטאָמאָבילען; אויך שוואַכע און אַלטע זיינען דערשאָסען געוואָרען אויפ'ן אָרט, אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף די זעלבע אַטאָמאָבילען צוזאַמען מיט די לעבעדיגע.

ביסלעכוויז איז אַלעמען קלאָר געוואָרען, אַז מען פיהרט זיי נים צו קיין אַרבייט, נאָר צו דער שחיטה. מאַנכע האָבען גענומען אַנטלויפען, אָבער די מערדערישע קויל פון דייטש האָט זיי דעריאָגט. די אידען זיינען מערדערליך געשלאָגען געוואָרען פון די דייטשען, נישט בלויז ווען זיי זיינען אַוועקגעלאָפען, נאָר אויך אויף די אַטאָמאָבילען און ווען זיי זיינען אַנגעקומען צום עקזעקוציע־פּלאַץ. אויך דאָרטען זיינען זיי באַפאַלען געוואָרען פון די מערדער, וועלכע האָבען זיי אָפּגעוואַרט ווי ווילדע חיות און זיך געוואָרפען אויף זייערע קרבנות מיט געשרייען, זידלערייען און מיט קלעפּ.

נאָך שטעהענדיג אין דעם לאַסטאויטאָמאָביל האָט פאַלעק נעבענצאַל דערזעהן ווי דאָס פעלד ביז צום וואַלד איז פאַרזייט מיט טויזענטער דערשאָסענע

אידען. אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם, האָבען וועהטאָגדיגע קלעפּ פון די ביקסען־קאָלבעס איהם, די ברידער־פליישער און אַנדערע אידען אַראָפּגעשליידערט פון די אָטאָמאָבילען אויף דער ערד. ער האָט זיך קוים אויפגעשטעלט אויף די פיס, און שוין זיינען זיי געטריבען געוואָרן מיט ווילדע קולות און קלעפּ איבער די קערפּערס פון די דערשאָסענע אידען, אין דער ריכטונג צום וואַלד־צו. לויפענדיג האָט ער געהערט ווי עס האָבען אָנגעהויבען צו דונערן די סאַלוואָס פון די מאַשין־ביקסען. ער איז אַנידערגע־פאַלען און זיך געמאַכט טויט. לעבען איהם זיינען געפאַלען אברהם־לייב און ישראל פליישער. די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטען אַ לענגערע צייט, דערנאָך איז עס שטיל געוואָרען. עס זיינען אָנגעקומען אַנדערע לאַסט־אָטאָמאָבילען מיט אידען. די קולות, די געשרייען און זידלערייען פון די דייטשען האָבען זיך אָנ־געהויבען פון דאָס־ניי. איבער פאַלעק׳ן זיינען דורגעגאַנגען עטליכע אידען. זייערע שיך האָבען געטרעטען אויף זיין קאָפּ, אויף די פּלייצעס. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען דאָס געקנאַקעריי פון מאַשין־ביקסען. נאָך אַ צייט איז עס ווידער אַנטשוויגען געוואָרען. און ווידער זיינען אָנגעקומען נייע אויטאָמאָבילען מיט אומגליקליכע אידען, און ווידער האָט זיך עס אָנגעהויבען דאָס שיסעריי פון מאַשין־ביקסען. אַזוי שעה נאָך שעה.

פאַלעק נעבענצאַל איז געלעגען אויף דער ערד; געלעגען מיט אַ קלאַפּענ־דיג האַרץ, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, געלעגען אומבאַוועגליך, ווי אַ טויטער. צי וועלען איהם די מערדער סוף־כל־סוף ניט געפינען און אומברענגען? האָט ער זיך אַליין געפרעגט. צום אָוונט האָט די שיסעריי אויפגעהערט. די בלוטיגע אַרבייט פון אויסשיסען טויזענטער אידען איז שוין, זעהט אויס, פאַר־ענדיגט. עס איז צוגעפאַלען די נאַכט, און ערשט דעמאָלט האָט נעבענצאַל גע־הערט אַ שוואַכע, שטילע שטימע האַרט לעבען זיך. דאָס קול האָט איהם אויס־געזעהן צו זיין באַקאַנט. „ישראל׳יק!“ — האָט דאָס קול שטיל גערופען — „ישראל׳יק!... איך פיהל ווי דאָס בלוט געהט־אָפּ פון מיר דורך די וואונדען. איך וואָלט אפשר נאָך געלעבט, ווען עס איז דאָ אימיצער ווער עס זאָל מיר פאַרבינדען די וואונדען“...

ער האָט דערקענט דעם קול, פאַלעק: עס איז געווען אברהם־לייב׳ס קול. ער האָט גערופען זיין עלטערען ברודער, אָבער ישראל, זיין עלטערער ברודער. האָט נישט אָפּגעענטפערט, ער איז געווען טויט. בלויז ער, פאַלעק, האָט געהערט די שטים פון זיין חבר. לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ, זיך איבערגעבויגען איבער איהם: „אברהם־לייב“ — האָט ער שטיל געשעפּטשעט — „אברהם־לייב!“ אָבער אברהם־לייב האָט מעהר נישט אָפּגעענטפערט. עס זענען זעהט אויס, געווען די לעצטע ווערטער, וועלכע ער האָט, שטאַרבענדיג, אַרויסגעשעפּטשעט צו זיין עלטערן ברודער ישראל.

פאָרזיכטיג און שטיל האָט פאַלעק נעבענצאַל זיך גענומען קייקלען אויפ׳ן בויך צום וואַלד־צו. ער האָט בעת־מעשה געהאַלטען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזען צו דער ערד־צו און איינגעהאַלטען דעם אָטעם. שעה׳ן האָבען זיך געצויגען ווי אייביגקייטען, ביז ער האָט זיך צוגעשאַרט צום וואַלד. טיף אין וואַלד האָט ער זיך אויפגעהויבען און גענומען לויפען. ער איז אַרויס פון וואַלד אויפ׳ן פרייען פעלד. ווען עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, האָט ער זיך אַנידערגעלעגט צווישען פעלדער אין אַ טיפען „ראָוו“, וואָס האָט אָפּגעטיילט איין שטיק פעלד פון אַנדערן.

וואָכען־לאַנג האָבען געדויערט זיינע וואַנדערונגען, ביז ער איז אָנגעקומען קיין באָכניא. זיינע קליידער זיינען געווען צעריסען אויף איהם און די פיס זיינען געווען אָנגעשוואָלען און באַדעקט מיט אָפענע אייטערדיגע וואונדען פון לאַנגען וועג, וועלכען ער האָט דורכגעמאַכט.

די מאָרד־אַקציעס פון די דייטשען אין די קליינע אידישע שטעטלעך קאָשיץ, ניי־שטאָט און בזשיסק.

לענג־אויס דעם אויבערשטען טייל פון דער וויסעל ציהען זיך אַ רייהע שטעטלעך, וואָס זיינען כמעט אויסשליסליך אידיש: קאָשיץ, ניי־שטאָט, בזשיסק (בזשעסקאָ נאָווע) און אַנדערע. די שטעטלעך געפינען זיך אויף דער צווייטער זייט וויסעל, אין דעם טייל פוילען וואָס האָט אַמאָל געהערט צו רוסלאַנד. די שטעט־לעך ליגען מיילען־ווייט פון דער באַהן־שטרעקע און אויך ווייט פון אַ הויפּט־וועג. די שיפלעך, וואָס געהען אויף דער וויסעל זומער־צייט, און פערד־און־וואָגען וואָס פאָהרען אויף די שלעכטע וועגען, וואָס זיינען פול מיט גריבער און לעכער, זיינען די איינציגע פאַרבינדונגען, וואָס די שטעטלעך האָבען מיט די אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון פוילען. אַ לאַנגע צייט האָבען אידען אין אָט די שטעטלעך ביי דער וויסעל געלעבט אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע פאַר־העלטניסמעסיג רוהיג. צוליב דעם זיינען פילע חדשים די שטעטלעך געווען אַ מקום־מקלט פאַר אידען אַנטלאָפענע אָדער אַרויסגעטריבענע פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

דאָ האָבען געפינען אַן אָרט אידען, אַנטלאָפענע פון וויעליטשקע, ניעפּאָ־לאָמיץ, מיעלעץ, ריישע (רזשעשאָוו), אויך קראָקעווער, באָכניער, קיעלצער און צאָזמירער (סאַנדאָמירער) אידען, וואָס זיינען אַנטלאָפען פון די אידען־מערדערייען אין זייערע שטעט. האָבען דאָ געפונען אַ מקום־מקלט. די לאַגע האָט זיך אָבער געענדערט אין חודש אָקטאָבער 1942 . געשעהן איז עס פּלוצלינג.

דייטשע שטורם־טרופּערס זיינען אַראָפּגעבראַכט געוואָרען אַהער פון קראָקע, קעלץ און אַנדערע שכנות׳דיגע שטעט פון פוילען און מיט דער מיטהילף פון דער אָרטיגער פוילישער פּאָליציי, וואָס איז געווען אין דינסט פון די דייטשן, האָבען זיי אַרומגערינגעלט די שטעטלעך אין אָנגעהויבען זייער געוועהנליכע מאָרד־און־רויב־מלאכה. געטאָן האָבען זיי עס גלייכצייטיג אין ניי־שטאָט, בזשיסק, קאָשיץ און אַנדערע שטעטלעך בכדי וואַרשיינליך, נישט צו דערמעגליכען אַז אידען זאָלען קאָנען אַנטלויפען פון איין שטעטעל אין אַנדערען אַריין. בזשיסק און פּינטשעוו האָבען זיי אונטערגעצונדען בעת די אידען זיינען נאָך געווען אין די שטעטלעך. אין די פון פייער־אַרומגענומענע הייזקעס פון די שטעטלעך האָבען זיך אָפּגעשפּילט שוידערליכע סצענעס. אידען, וואָס האָבען זיך געוואָלט ראַטעווען, לויפענדיג פון׳ם פייער, זיינען דורך די דייטשען און דורך דער פוילישער פּאָליציי דערשאָסען געוואָרען. אַ סך אידען זיינען אומגעקומען אין די פלאַמען. און די, וועלכע זיינען איבערגעבליבען, זיינען גענומען געוואָרען צום „טראַנס־פּאָרט”. מענער, פרויען און קינדער זיינען געפיהרט געוואָרען מיילען ווייט צופוס קיין באָכניא, בכדי דאָ אַריינגעטריבען צו ווערען אין טראַנספּאָרט, וועלכער האָט געדאַרפט אָפּגעהן צום טויטען־לאַגער אין בעלזשיץ. אויך די אידען פון קאָשיץ, ניי־שטאָט און בזשיסק זיינען נאָך דער „רייניגונגס־אַקציע” געטריבען געוואָרען דורך אָט דעם וועג צו דער באַהן־סטאַנציע אין באָכניא. איך האָב

געזעהן אַ אידישע פרוי, וועלכע האָט געטראָגען אַ קליין קינד אויף דער האַנט איבער די גאַסען פון געטאָ אין באַכניא. איהר איז געלונגען אויפ'ן חוצ, בעת מען האָט זי געפיהרט, אַנטרונען צו ווערען פונ'ם טראַנספּאָרט מיט אידען. זי איז מיט פעלדוועגען אַנגעקומען קיין באַכניא. אָבער זי איז אָנגעקומען ערב אַן אַקציע פון אומברענגען און אַוועקשיקען אידען. עס איז געווען די צווייטע לויט דער רייהע, וועלכע האָט געזאָלט פאַרקומען אין באַכניא גופא. זי איז געלאָפען איבער די גאַסען מיט'ן קליינעם קינד אויף דער האַנט. „אידען — האָט די אידישע פרוי גענומען דערצעהלען ווען זי האָט אָנגעטראָפען אין גאַס — איך בין אַנטלאָפען פון פייער אין בזשיסק קיין ניי־שטאָט, אָבער אויך דאָרטען ברענט איצט דאָס העלישע פייער, מע שיסט אידען אין די גאַסען. בין איך אַנטלאָפען קיין קאָשיץ און דאָרט האָט מען מיך געכאַפּט און צוגעשלאָסען צום טראַנספּאָרט אידען, וואָס ווערט אַוועקגעשיקט. אויפ'ן וועג בין איך אַנט־לאָפען און בין אָנגעקומען אַהער מיט מיין קליין עופ'לע אויף די הענט. ראַטעוועט, אידען! איך זעה דאָך, אז דאָ גרייט זיך דאָסזעלבע! איך האָב שוין נישט קיין כח וויטער צו לויפען. איך פאַל פון די פיס. זינט טעג האָב איך קיין ביסעל עסען אין מיין מויל נישט געהאַט. נישט איך, נישט מיין אָרים עופה'לע." אַ באַכניער איד, נאָטע ראַפּס, איז זיין נאָמען, האָט די עלענדע אידישע פרוי מיט איהר קינד גענומען צו זיך, איהר געגעבען צו עסען. דערנאָך האָט ער זי פאַרבאַהאַלטען צוזאַמען מיט איהר קינד אינ'ם „באַנקער" אין אַ ספּעציעל־ אויסגעגראָבענעם גרוב אויף אַ שכנות'דיגען הויף, וואָס איז געווען פון אויבען פאַרדעקט מיט ערד און מיט שטיינער און אין וועלכען מען איז אַריינגעגאַנגען דורך אַ שמאָלער עפנונג אינ'ם קעלער פון אַ שכנות'דיגען הויז. דאָרט, אין דעם באַהעלטעניש אונטער דער ערד, איז די פרוי צוזאַמען מיט איהר קליין קינד און מיט איבער דריי צעהנדליג אַנדערע אידען. מענער, פרויען און קינדער, געלעגען באַהאַלטען איבער אַ וואָך צייט ביז דאָס פייער אין געטאָ איז פאַרלאָשען געוואָרען. זי איז אויך דאָס מאָל צוזאַמען מיט איהר קליין קינד ניצול געוואָרען פון די דייטשע מערדער.

די אידען, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען פון די שטעטלעך פון דער צווייטער זייט ווייסעל קיין באַכניא, זיינען דאָ אויפגעלאָדען געוואָרען אין חזרים און פערד־וואַגאַנעס. זיי זיינען אַריינגעפּאַקט געוואָרען צו הונדערטער אידען אין איין וואַגאָן. די געוויינען, די יאָמערליכע קולות, וואָס האָבען זיך געטראָגען פון די פרויען און קינדער בעת די ס. ס. מערדער האָבען זיי אַריינגעפּאַקט אין די וואַגאַנעס, שלאָגענדיג זיי מערדערליך מיט די קאָלבעס פון די ביקסען, האָט מען געהערט ווייט פונ'ם אָרט, וואו מ'האָט אויפגעלאָדען די אידען צום אַוועקפירען אין טויטען־לאַגער אין בעלזשיץ. אַ גאַנצע נאַכט פאַר דעם האָט מען געהערט פון הויף פון די קאַשאַרען שאָסען. דאָס האָבען די נאַצי־מערדער אויסגעשאָסען אויפ'ן אָרט די נישט־טראַנספּאָרט־פעהיגע אידען, די שוואַכע און קראַנקע. לאַנגע טעג דערנאָך איז דער צוג געשטאַנען אַוועקגעשטעלט אויף זייטיגע רעסלען פון דער באַכניער סטאַנציע. פון אָנפאַנג האָבען זיך געטראָגען פון די פולע אָנגעפּאַקטע וואַגאַנעס פאַרשטיקטע קרעכצען, געוויינען פון קליינע קינדער. נאָך אייניגע טעג איז אַלץ שטיל געוואָרען, קיין פּיפּס, קיין קרעכץ

האָט מען נישט געהערט פון די וואַגאָנעס. אויפ׳ן פערטען טאָג, נאָכדעם ווי די וואַגאָנעס מיט די אידען פון באָכניא זיינען צוגעשלאָסען געוואָרען צום אַלגעמיינעם צוג און דער צוג האָט זיך גענומען ריהרען פון אָרט, האָט זיך פון יענע וואַגאָנעס געטראָגען אַ שלעכטער ריח, אַ ריח, וועלכער האָט זיך וואָס ווייטער דער צוג איז געפאָרען, אַלץ מעהר פאַרשטאַרקט. אַזוי האָבען דערנאָך דערצעהלט די פוילישע באַהן־אַרבייטער, וועלכע האָבען באַגלייט דעם צוג אויפ׳ן וועג צום טויטען־לאַגער אין בעלזשיץ.

וויאַזוי די דייטשען האָבען פאַרברענט די נייע שוהל אין טאַרנאָוו.
די געשיכטע פון אַ וועג, וואָס איז אויסגעוויקט אין אידיש בלוט.

דעם בנין פון דער נייער שוהל אין טאַרנאָוו איז געווען ווערט צו זעהן. נאָך מיילען־וויט פון טאַרנאָוו, ווי דער צוג איז אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע פון דער זייט פון לעמבערג, האָט מען געקענט זעהן דעם הויכען קופּאָל פון דער טאַרנאָווער שוהל, וועלכער האָט זיך גדלות׳דיג ארויסגעהויבען איבער דעם ים הייזער פון דער שטאָט.

טאַרנאָווער אידען האָבען ליב געהאַט זיך גרויסען מיט אָט דער שוהל זייערער. זיי האָבען דערצעהלט וועגען איהר פאַרשידענע מעשיות, איינע וואונדערליכער פון דער אַנדערער; וועגען געשעהעניש׳ען, וועלכע האָבען זיך פאַרלאָפען בעת׳ן בויען די שוהל. ווען איהר האָט באַגעגענט אין גאַס אַ באַקאַנטען איד, האָט ער, דענקענדיג, אַז איהר זייט דאָס ערשטע מאָל אין טאַרנאָוו, גלייך אַ פרעג געטאָן: „און די נייע שוהל, אונזער שוהל, האָט איהר שוין געזעהן? אַ, עפּעס פּרעכטיגס, אמת?” און די אויגען פון דעם איד האָבען בשעת־מעשה געלויכטען מיט יענעם גלאַנץ, וואָס איהר באַגעגענט ביי מענשען, וועלכע זיינען שטאַרק צוגעבונדען צו טייערע נאָהנטע מקומות.

בעת איך בין אין זומער פון 1940 געווען אין טאַרנאָוו, איז עס געווען אַ טאָג צי צוויי טעג נאָך דעם ווי די דייטשען האָבען די פּרעכטיגע טאַרנאָווער שוהל, די גדולה פון די טאַרנאָווער אידען, געהאַט אונטערגעצונדען און פאַרברענט. אמת, עס איז ניט געווען דער איינציגער מקום־קדוש, וואָס די דייטשען האָבען אין יענעם טאָג אונטערגעצונדען און פאַרברענט אין טאַרנאָוו. זיי האָבען אונטערגעצונדען די קלויז און בתי־מדרשים אין שטאָט, ארומרינגלענדיג פריהער די געביידעס, וואָס זיי האָבען אונטערגעצונדען, מיט ס. ס. אָפּטיילונגען, באַוואָפענטע מיט מאַשין־ביקסען. אַזוי ווי די קלויז און די בתי מדרשים האָבען זיך געפונען אין הייזער, וואו עס האָבען אויך געוואוינט פּריוואַטע איינוואוינער, האָבען די ס. ס. אַכטונג געגעבען, אַז קיינער פון די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין די הייזער, זאָל זיך ניט אַרויסראַטעווען. און אויך פון דרויסען איז קיינער נישט צוגעלאָזען געוואָרען צו לעשען דעם פייער. אין מיטען נאַכט האָט זיך דער הימעל איבער די אידישע גאַסען פון טאַרנאָוו רויט צעצונדען, און אידען זיינען געזעסען מיט פאַריאָמערטע הערצער אין די שטובען און פאַרצווייפעלטע געבראָכען מיט די הענט. וואָס וועט זיין ווייטער? וואָס נאָך וועלען די רוצחים אונטערצינדען? — האָבען טאַרנאָווער אידען מיט שרעק געטראַכט.

איך בין אַרומגעגאַנגען אַרום דער שוהל, געזעהן די אָפּגעברענטע פאַרסמאַליעטע מויערען, וואָס דער פייער האָט ניט באַוויזען צו פאַרצערען. פון די ווינקלען האָט זיך נאָך געטראָגען פאַרדושעטערהייט דער רויך; אַרום און

אַרום זיינען געלעגען צעוואָרפען האַלב־פאַרברענטע שמות־בלעטלעך פון ספרים און סידורים, צונויפגעמישט מיט אָפּגעבּרענטע האָלצווּעשקעס האָלץ, ברעטער, שטענדערס פון דער שוהל. אין אַ ווינקעל פון פּלאַץ איז געשטאַנען אַ באַוואָפענ־טער נאַצי. וואָס האָט ער געהיט, דער נאַצי? ווּעמען האָט ער געהיט? טרויער איז געווען אויסגעגאָסען אויף די פּנים׳ער פון די טאַרנאָווער אידען; טרויער, אומרוה און שרעק פאַר דעם, וואָס עס וועט ווּאַרשיינליך קומען נאָך אַט די אונטערצינדונגען פון אידישע היילגטימער.

דאָס איז נישט געווען דער איינציגער אָפּגעבּרענטער אידישער בנין, וואָס איך האָב דאַמאָלסט געזעהן אין טאַרנאָוו, אָבער אין ערגעץ האָט עס נישט געמאַכט אַזאַ טרויעריגען איינדרוק, ווי דאָ, ביי דער קרוין, ביי דעם שטאָלץ פון די טאַרנאָווער פרומע אידען, ביי דער נייער שוהל, וועלכע איז אָפּגעבּרענט געוואָרען דורך די דייטשע רוצחים און וואַנדאַלען.

אויף דער לוואָווסקער גאַס, וואו איך האָב געדאַרפט אויפזוכען ר׳ דוד ס., מיינעם אַ וויטען קרוב, האָב איך באַגעגענט ווייניג אידען. די גאַס, וואָס איז געווען פאַר דער מלחמה אַ צענטער פון אידישען מסחר, סטאָרס מיט פאַרטיגע קליידער, גרויסע שניט־געשעפטען; די גאַס, וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען אַ צענטער פון אידישער אַרבייט פון דער באַקליידונגס־אינדוסטריע, — די דאָזיגע גאַס איז איצטער געווען כמעט מענשען־ליידיג. דעם קרוב האָב איך געטראָפען אין שטוב א פאַרטרויערטען, אַ פאַרזאָרגטען. איין זוהן, דעם עלטערן, האָט די מלחמה פאַרטראָגען אין לעמבערג, וואָס איז דאַמאָלסט געווען באַזעצט פון די סאָוועטען; דער אינגערער זוהן איז געכאַפּט געוואָרען דורך די דייטשען צו צוואַנגס־אַרבייט און איז פאַרשלעפּט געוואָרען קיין דעמביץ צו דער אַרבייט ביים שאָסיי. ער איז געבליבען אליין מיט זיין פרוי שרה אין שטוב. ער איז געווען אַ איד נאָהענט צו די זעכציגער יאָהרען; זיין פרוי — אַרום פופציג. ער איז געגאַנגען פון צימער צו צימער און ווייניג גערעדט; פון זיין יעדען טראָט האָט געאָטעמט מיט טרויער און איינזאַמקייט. שטעהענדיג אין אַ ווינקעל פון שטוב האָב איך באַמערקט, ווי ער האָט געווישט באַהאַלטען מיט׳ן טיכעלע די פייכטע אויגען.

בעת איך בין געזעסען ביי ר׳ דוד׳ן אין שטוב, האָבען אין דרויסען אָפּגעהילכט איינגע שאָסען. מיר זיינען געוואָרען אויפגעציטערט און זיך ניט געריהרט פון אָרט. נאָך אַ צייט האָבען זיך די שאָסען איבערגע׳חזר׳ט, דאָס מאָל אַ ביסעל ווייטער. ר׳ דוד האָט פאַרגראָבען זיין פּנים איןביידע הענט: „אָ, ס׳נעמט גאָר־נישט קיין סוף פון די רציחות! יעדען טאָג אַזוי! יעדען טאָג!״

ווען איך האָב מיט איינגע שעה שפּעטער געוואָלט פאַרלאָזען דאָס הויז פון ר׳ דוד ס., האָבען איינגע אידען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין פירהויז, מיך אָפּגעשטעלט. שרעק האָט אַרויסגעקוקט פון זייערע אויגען. „געהט ניט אַצינד אַרויס! זיי ווילדעווען דאָך ווידער אַרום אין די גאַסען, די מערדער!״ — האָט אַ איד מיר שטיל אריינגעשעפּטשעט אין אויער.

די טיר פון פירהויז, וואָס האָט זיך געעפענט צו דער גאַס, איז געווען פאַרריגעלט. פון יענער זייט טיר, פון דער גאַס, האָט זיך געטראָגען דער אָפּקלאַנג פון שווערע טריט אויף׳ן שטיינערנעם גאַס־ברוק, טריט פון מיט אייזען־נעגעל אונטערגעקאָוועטע שטיוואָלעס.

איך בין צוריק אריין אין שטוב. פארלאזט טארנאוו האב איך ערשט איניגע טעג שפעטער, ווען עס איז שטילער געווארען א ביסעל אין שטאט פון די דייטשע מערדערייען.

אום איבערצובויען דעם וועג פון קראקע קיין פשעמישל, וועלכער איז צושטערט געווארען דורך די קריגסגעשעהנישען, האבען די דייטשען געכאפט אידען צו צוואנגס־ארבייט. ווען אט דער וועג זאל קענען ריידען, וואלט ער אייך דערצעהלט זעהר טרויעריגע געשיכטעס פון אידישען שוויס און פון אידישען בלוט, וואס איז געראנען אהן אן אויפהער ביים בויען אט דעם 150־מייליגען וועג; וועגען פיין, טרויער, וועהטאג, טרעהרען, וואס דאס בויען פון דעם וועג האט געבראכט מיט זיך פאר די אידען פון די אידישע שטעט און שטעטלעך, וואס ליגען לענג־אויס דעם וועג; ווען מען זאל דאס אלץ קענען צונויפנעמען אין איין מאס און עס דערנאך אויסטיילען, וואלט עס געקלעקט פאר הונדערטער־טויזנטער מענשען פון אן אנדער פאלק, כדי זיי אנצופילען מיט אומענדליכען לייד און טרויער אויף יאהרען און יאהרען. די געשיכטע בלויז פון דעם איינעם וועג, וועלכער ציהט זיך דורך פארביי די שטעט און שטעטלעך וויעליטשקע, באכניא, בזשעסקא, טארנאוו, דעמביץ, ראפשיץ, שענדי־שעוו, ריישע, לאנצוט, פזשעווארסק, יאראסלאוו און פילע־פילע אנדערע קלענערע שטעטלעך! יעדעס פון אט די אידישע שטעט און שטעטלעך האט געגעבען זיין בלוטיגען צושטייער צום בויען דעם וועג. דאס לעבען פון אומצעהליגע אידישע פאמיליעס איז צובראכען געווארען, ווען די דייטשע מערדער־האנט האט ארויס־געריסען פון זייער מיטען דא א פאטער, דארטען א זוהן אדער א ברודער. פילע זיינען אומגעקומען בעת דער ארבייט, ווערענדיג צעריבען אונטער די רעדער פון די לאסט־אטאמאבילען, וועלכע האבען צוגעפיהרט די שטיינער צום בויען דעם וועג. פילע זיינען דערשלאגען געווארען ביז טויט מיט די נאגאיקעס; פילע זיינען דערשאסען געווארען דורך די רוצח׳ישע דייטשע אויפזעהער. פיין האט זיך געשפרייט פון אט דעם וועג און איינגעהילט אידישע שטעט און שטעטלעך אין טיפען טרויער.

איך געדענק נאך גוט יענעם נאכמיטאג פון פריהלינג 1942, ווען מען האט געבראכט אויף א פוהר אין באכניא דעם צו׳מזיק׳טען גוף פון שלום ארשיצער, א חסידישער יונגערמאן פון א יאהר 23, און פון דעם יונגען אידישען פליכטלינג פון דייטשלאנד, שמואל טענענבוים.ביידע זיינען געווען טויט. מען האט נישט דערקענט ביי קיינעם פון זיי קיין צורה פון א פנים, דורך די קלעפ, וואס זיי האבען געקראגען פון די מערדערישע דייטשע אויפזעהער. עס איז נישט געווען ממש דער טאג, אז עס זאלען נישט פאלען קיין קרבנות בעת דער ארבייט דורך די נאצישע הענט. אזוי איז אויך געווען אין אנדערע שטעט און שטעטלעך. אבער דאס אלץ איז דאך פארבלאסט געווארען אין פארגלייך צו דעם, וואס איז שפעטער געקומען פון די רציחות און מערדערייען פון די דייטשען, וואס האבען שוין ניט ארומגענומען קיין יחידים, נאר דעם גאנצען כלל אידען פון די שטעט און שטעטלעך אין פוילען.

אין דער זונטאג־ביילאגע פון „פארווערטס" מיט עטליכע וואכן צוריק זיינען געווען געדרוקט צוויי בילדער, וואס ווייזן ווי באוואפנעטע דייטשן פיהרן אידן פון באכניא הינגעריכטעט צו ווערן. איך האב געלעבט אין יענער שטאט וואו די פאסירונגען האבן זיך פארלאפען. אויף די בילדער האב איך דערקאנט די גאס, דורך וועלכער די דייטשן האבן געפירט די קרבנות זייערע אומצוברענגען. איך האב אדורכגעלייענט די שילדן איבער די געשלאסענע געוועלבער. עס זיינען נעמען פון מיינע באקאנטע אידן. אט איז א שילד איבער א שוך־געוועלב, „מ. א. ליכט" (משה אהרן ליכט). איך האב געקאנט דאס געוועלב. איך האב געקאנט זיין אייגענטימער. ר' משה אהרן איז געווען א איד א חסיד, געדאוונט אין „דזשיקיווער שטיבעל". אויפ'ן טיש אין זיין געוועלב איז תמיד געלעגן א ספר'ל, אין וועלכן ער פלעגט אין די פרייע מינוטן, ווען קיין קונה איז ניט געווען, ארייגקוקן. איך האב אויך דערקענט די ווייך־און־ביר שענק וואו די לאדן זיינען פארמאכט. איך האב געקענט דעם אייגענטימער, אברהם האלענדער. תמיד איז אין אט־דער קרעטשמע, וואס האט אמאל געהערט צו זיסקינד פעניגער, איינעם פון די ערשטע אידן וואס האט זיך באזעצט אין אט־דער „גוי'אישער" שטאט, געווען טומלדיג פון שטאטישע גוים און פון פויערים פון די ארומיגע דערפער. אויך אויף די בילדער, פון צווישן די וואס ווערן געפירט צו דער שחיטה און פון צווישן די אידן וואס זיינען מקבר די טויטע, האב איך דערקענט פנים'ער פון באקאנטע. אבער דאס, וואס האט מיך אמשטארקסטן אויפגע־טרייסעלט, איז געווען דאס בלייכע דערשראקענע פנים פון א אידישער פרוי, וואס געהט מיט די פאראורטיילטע. עס איז פייגע קראנץ, עטליכע און פערציג יאר אלט, די פרוי פון מיין פריינט דוד קראנץ, וועמען דער מלחמה־שטורעם האט פארטראגן אין דעם טייל פוילען, וועלכער איז געווארן באזעצט דורך סאוויעט־רוסלאנד. יא, עס איז זי. מיר האבן ניט געוואוסט וואו זי איז אהינגע־קומען. מען האט געשמיעסט אין שטאט, אז זי איז צוריקגעפאהרען צו איהרע עלטערן אין שטעטעל פילזנע נעבען טארנאוו, גאליציע. איצט, פונ'ם בילד אין „פארווערטס", איז מיר קלאר געווארן, אז זי איז אין ערגעץ דעמאלט ניט אוועקגעפאהרן, נאר אז זי האט געטיילט דעם גורל פון די איבער זעכציג דייטשע קרבנות מיט אריבער פיר יאר צוריק.

עס איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון דעצעמבער פון יאר 1939, קנאפע פיר חדשים נאכ'ן אויסברוך פונ'ם פויליש־דייטשן קריג, ווען צוויי נאצישע ארמייען האבען אלץ פעסטער און פעסטער ארייגגענומען אין קלעם דאס דערארבערטע לאנד. אין איינער א נאכט האבן אויפ'ן פאסטן פון די דייטשע זשאנדארמען, וועלכער האט זיך געפונען אין א הויז אין מארק, אפגעהילכט שאסן. עס האט אויסגעבראכען א קאמף צווישן איניגע באוואפנעטע פאליאקען פון איין זייט און דייטשע זשאנדארמען פון דער צווייטער זייט. די דייטשן איז באפאלן א שרעק. עס זיינען אנגעקומען „ס. ס." (שטורם־שטאפעלן) אויף פאנצער־קארס, טאנקס און קאנאנען. דאס הויז איז ארומגערינגעלט געווארן. דאס הויז איז געווארן באמבארדירט מיט האנט־גראנאטען, טאנק־קאנאנען, באשאסען מיט קוילען פון מאשין־ביקסן. אלץ אינעווייניג איז געווארן צעריסן אויף שטיקער. ארייגצוגעהן אינעווייניג האבן די ס. ס. אלץ ניט געוואגט. זיי האבן אויסגע־קליבען דערצו צוויי אידן, חיים ראזנער, א לעדער־סוחר, און שמעון בעלדענגרין,

אַ שניט־קרעמער.ביידן האָבן זיי געצוואונגען אַריינצוגעהן אין הויז אום זיך צו איבערצייגן, צי עס וועלן נאָך אָפּענטפּערן פון אינעווייניג שאָסען.

אויף צו מאָרגענס האָט די ס. ס. אויסגעפירט זייער בלוטיגע נקמה געגען דער אידישער באַפעלקערונג פון שטאָט. ווי ווילדע זיינען די דייטשע מערדער געלאָפן פון הויז צו הויז, פון שטוב צו שטוב, געזוכט כלומר׳שט ביי אידן געווער און צוגענומען צירונג, געלט און — לעבענס. די גאַנצע צייט פון דער רעוויזיע האָבן די אידן געמוזט שטעהן מיט׳ן פנים צו דער וואַנט. אַרויסגעהענ־דיג פון דער דירה פון חיים צייזלער האָט אַ ס. ס.־מאַן צו איהם געזאָגט: „יודע! ווי צו אייך אַלע, ווען דו ווען זאָגן, אַז ס׳פעלט דיר עפּעס!...״ געפעלט האָט ס׳גאַנצע צירונג און ס׳געלט פון דער שאַפע. אָבער דער איד האָט געשוויגען, געווען צופרידן אַז ער און זיין משפחה זיינען אַרויס גאַנץ מיט׳ן לעבען. אין דער וואוינונג פון משה בעטאייל, אַ ווייןסוחר, האָבן זיי געצוואונגען אַלע פרויען זיך אויסצוטאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן נאַקעט. זיי האָבען געשמיסן די פרויען מיט לעדערנע ריטער איבער׳ן נאַקעטן לייב. דיזעלבע סצענע האָט זיך ווידערהאָלט אין אַ סך אַנדערע אידישע שטובן. דוד דיאַמאַנט, ווען זיי האָבן גראָד אָנגעטראָפן שטיין אין טלית און תפילין, האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט אויפ׳ן הויף „יודע! דו בעטסט גאָט, דאָס דייטשלאַנד זאָל דורכפאַלן! — האָבן זיי געשריגען צו איהם — דו מוזט שטאַרבען!״ זיי האָבען איהם צוגעשטעלט צו דער וואַנט און איהם דערשאָסען. זיי האָבען אַרויסגענומען פון די שטובען מענער און פרויען און זיי אַוועקגעפירט. צווישן זיי זיינען געווען שמואל פּאַבער, לאָוועק שיווי און צענדליגע אַנדערע. דעם בעל־עגלה שלמה שיינפעלד האָבן זיי אָפּגעשטעלט אין גאַס אין מיטן פאָרן: „דו ביסט אַ איד?״ — האָבן זיי איהם געפרעגט, קוקענדיק אויף זיין פנים, וואָס איז ניט געווען ענליך צו אַ אידן. „יאָ!״ — האָט שלמה שיינפעלד אָפּגעענטפערט. זיי האָבן איהם געהייסן אַראָפּגעהן פון דער קעלניע און איהם מיטגענומען. ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדער. אַריבער זעכציג אידן האָבן זיי אַוועקגעפירט אין „וועלדל״ אַריין פון שטאָטישען פּאַרק „אוזבאָרניא״. איידער די הינריכטונג איז איבער זיי אויסגעפירט געוואָרן, האָבן זיי אַליין געמוזט אויסגראָבן זייער ברידער־קבר. זיי האָבן אַלעמען פאַרבונדען די הענט אויף הינטן און זיי דערמאָרדעט. די ס. ס. מערדער האבן דערנאָך געכאַפּט אַנדערע אידן פון שטאָט אויף צו פאַר־שיטן דעם מאַסן־קבר.

אויף אַ בילד פון צווייטן אקט פון דער בלוטיגער טראַגעדיע, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין זעלבן נומער „פאָרווערטס״, דערקען איך די פנים׳ער פון אַנדערע באַקאַנטע אידן. אָט איז ר׳ שלמה בלאַנדער, אַרום 50 יאָר אַלט, אַ איד וועמען די מלחמה האָט פאַרוואָרפן פון זיין היים־שטעטעל אין די בערג, טשאַרני־דונאַיעץ, קיין באָכניע. דאָס היטעל זיינס איז עטוואָס פאַר־רוקט איבער׳ן שטערן. האַלטענדיג די לאָפּאַטע אין זיינע הענט און זייענדיג אַרומגערינגעלט מיט די גופים פון זיינע דערמאָרדעטע ברידער און פון די מערדער — די ס. ס., קוקט ער אויף אייך מיט אַ בלייכן פנים אין מיט אַ פּאָר טיף־טרויעריגע אויגן; אויגען, וואָס קוקען ווי דורך טויזענטער יאָרן אידישע ליידן, שטומען צער, פּיין, וואָס עס איז ניטאָ קיין ווערטער דאָס אויסצודריקען. דער צווייטער איד אויפ׳ן בילד, וואָס האַלט אָפּגעקערט דעם קאָפּ אָן דער זייט, איז שמואל בערגלאַס.

באַגראַבענדיג זיינע ברידער האָט ער ניט מעהר געקאָנט אויסהאַלטן און זיך צעוויינט. אַ ס. ס. מאַן האָט עס באַמערקט און אָט־די טרערען פון מיטגעפיהל צו זיינע ברידער האָבן געקאָסט דעם אידן דאָס לעבען: לעבענדיגערהייט האָבן די ס. ס. איהם באַפוילן זיך אַריינצולייגן אין קבר אַריין. לעבענדיגערהייט האָבן זיי איהם באַגראָבן צוזאַמען מיט די דערשאָסענע אידן.

דאָס איז געווען, ווי איך האָב פון אָנפאַנג באַמערקט, אין דעצעמבער 1939 — נאָך לאַנג איידער עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסען־שחיטות, די פאַר־שיקונגען אין די טויטן־לאַגערן, די אַלגעמיינע אויסמאָרדונג פון די אידן אין פוילן.

„מיר׳ן דיר געבען אַ ריין, זויבער בעט צום שלאָפען...
מיר׳ן דיר געבען פון אַלעם גוטען...״

די אַלטע אידישע פרוי, רחל שטרום איז איהר נאָמען, וועלכע דער באַוואָפענטער נאַצי האָט אַרויסגענומען פון איהר שטוב, ווען מ׳האָט געשאָסען אידען אין שטאָט, איז געווען שוואַך אויף די פיס. זי איז געגאַנגען אָנגעלעהנט אָן אַ שטעקען. זי האָט געטראָגען אויגען־גלעזער. זייט יאָהרען האָט זי שוואַך געזעהן אויף די אויגען. ווען זי איז אַרויס פון שטוב, האָט זי זיך אומגעקערט צום מונדירטען נאַצי, וועלכער איז געווען בייז, געשריען אויף איהר, און גע־דראָהט כסדר מיט׳ן קורצען ביקס, וועלכען ער האָט געהאַלטען אין האַנט, נאָכגעהענדיג איהר פון הינטן. „וואוהין פיהרט איהר מיך?״ — האָט זי געפרעגט מיט אַ ציטער אין קול. זי האָט איהם בעת־מעשה אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אויסגע־וויינטע אויגען פון די אויגען־גלעזער אַפיר. „לעצטע וואָך האָט איר אַרויסגע־נומען פון שטוב מיין זוהן, מיין אויג אין קאָפּ, הייסט מיך״. דעם נאַצי׳ס קורץ־געשניטענע וואָנצעלעך האָבן זיך פאַרקרימט אין אַ בייזען שמייכעל: „מיר׳ן דיר געבען אַ ריין זויבער בעט צום שלאָפען... מיר׳ן דיר געבען פון אַלעם גוטען...״

ער האָט איהר באַפוילען געהן צום אָרט, וואו עס האָבן זיך, אונטן, פאַרבייגעטראָגן די ברודיגע וואַסערן פונ׳ם קאַנאַל. ער האָט איהר באַפוילן זיך צו שטעלן מיט׳ן פנים צו דער וואַנט פונ׳ם הויז, אין וועלכען זי האָט יאָהרען־לאַנג געוואוינט. צו האָט ער זיך געשראָקען צו קוקען אינ׳ם אָפענעם, תמימות׳־דיגען פנים פון דער אַלטער אידישער פרוי, דער נאַצי? דעם שאָס האָט די אַלטע פרוי מעהר ניט געהערט, און אפשר יאָ, ווער ווייס. אָבער איך האָב דערנאָך געזעהן דעם לאָך אין דער וואַנט, וואָס די קויל האָט, אַדורכלעכערענדיג דעם שאַרבען פון דער אַלטער פרוי, געמאַכט. די בלוט־לוזשע אויף דער ערד איז נאָך ניט געווען אויסגעטרוקענט, כאָטש דעם קערפּער איהרען האָבן די נאַציס מיט טעג צוריק נאָך באַפוילען אַפּצורוימען.

דער „מויגלער רבי״ ר׳ יחזקאל אייכענשטיין..—.זיינע וואַנדערונגען בעת דער מלחמה. — די צרות וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטעהן פון די דייטשען..—.זיין טראַגישער טויט.

ווען איך דערמאָן זיך אָן יענע טעג פון זומער און הערבסט 1942, ווען די פאַרניכטונגס־כוואַליעס פון די דייטש־נאַצישע מערדער האָבען זיך אַ גאָס געטאָן איבער אידישע שטעט און שטעטלעך פון פוילען, שווימט אַרויף אויף מיין זכרון די לויטערע געשטאַלט פון דעם „מויגלער רבי׳ן״ ר׳ יחזקאל אייכענשטיין ז״ל, וועמען די מלחמה האָט אַרויסגעריסען צוזאַמען מיט זיין פרוי און זעקס קליינע קינדער פון דעם שטעטעל טשעבין, לעבען כזשאַנאָוו, מערב־גאַליציע, און איהם אַוועקגעטראָגען איבער שטעט און שטעטלעך פון פוילען, ביז ער האָט ענדליך געפונען זיין מקום־מקלט אין דעם שטעטעל באָכניאַ, גאַליציע.

שעה׳ן־לאַנג בין איך געזעסען ביי איהם אין „דזשיקיוור״ שטיבעל, וואו ער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. דאָס שטיבעל איז ביז דאַן, ביז דער „מויגלער״ האָט זיך אין איהם אַריינגעצויגען, געשטאַנען פוסט און פאַר־לאָזען. די דייטשען האָבען באַלד נאָך זייער אַריינקומען פאַרברענט אָדער צושטערט די בתי־מדרשים, שוהלען און קלויזען, און פאַרבאָטען אידען בכלל זיך צונויפצוקומען ערגעץ־וואו צו דאַווענען. דער פרוכת פון ארון־קודש אין „דזשיקיוור״ שטיבעל איז געווען אַרונטערגעריסען; דער ארון־קודש איז גע־שטאַנען אויפגעפראַלט און ליידיג; די ספרים האָבען די אידען נאָך פריהער איידער די דייטשען זיינען אַריינגעקומען פאַרבאַהאַלטען ביי זיך אין די הייזער, אָדער פאַרגראָבען ערגעץ, בלויז אין דער הויך האָבן די צוויי לייבען, וואָס זיינען געשטאַנען אָנגעלעהנט מיט די פאָדערשטע פיס אָן די לוחות, אַראָפּגעקוקט טרויעריג און פאַרשעהמט.

שעה׳ן־לאַנג האָב איך פאַרבראַכט ביים „מויגלער״ אין שטוב אין שמועס מיט איהם. ער האָט געהאַט אַ סך צו דערצעהלען וועגען זיינע איבערלעבונגען און באַגעגענישען אונטער דער דייטשער רויבערישער ממשלה.

איבערלאָזענדיג ערגעץ אין אַ שטעטעל די רבי׳צין מיט די זעקס קליינע קינדער, איז ער צוזאַמען מיט זיין שמש און טויזענטער אַנדערע אידען, געלאָפען איבער וועגען, וואָס האָבען געפיהרט צו מזרח. פון לאַנגען גיין אַהין אָן אָפּשטעל זיינען די פיס זייערע געוואָרען אָנגעשוואָלען און באַדעקט מיט וואונדען. דאָס האָט אָבער זיי נישט צוריקגעהאַלטען פון וויטערדיגען אַנטלויפען. דער דייטש איז אָבער נאָכגעלאָפען מיט האַרמאַטען און טאַנקען, און ער איז געווען שנעלער נעבען דער שטאָט קאָלאָמיי, גאַליציע האָט דער דייטש זיי דערגרייכט. אַ גאַנצע נאַכט האָט דער דייטש אויפ׳ן שטעטעל גופא געהאַגעלט מיט פייער הונדערטער אידען זיינען אומגעקומען, אַ האַלב שטעטעל איז אַוועק מיט׳ן רויך. ווי דורך אַ נס האָבען זיך דער „מויגלער״ מיט זיין משמש אַרויסגעראַטעוועט פון דעם ברענענדיגען שטעטעל, וואָס איז געווען פון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט דורך די דייטשען, און זיך געלאָזט אויפ׳ן וועג קיין מאַידען. אָבער אויפ׳ן וועג האָבען זיי באַגעגענט אַן אָפּטיילונג דייטשען. דער אָפיצער איז אַראָפּ פון פערד אויף וועלכען ער האָט געריטען, צוגעגאַנגען צו ביידע אידען, זיי באַפוילען צו בלייבען שטעהן. ער האָט אַרויסגענומען אַ פאָטאָגראַפישען אַפּאַראַט און געמאַכט

אַ בילד. דערנאָך האָט ער געהייסען ביידען זיך אויסדרעהען צו איהם מיט'ן רוקען און דערלאַנגט פון הינטען יעדען פון זיי אַ קאַפּע מיט'ן שטיוועל, זאָגענדיג גלייכצייטיג: „דאַנקע שעהן!" ביידע זיינען אומגעפאַלען מיט די פּנים'ער אַראָפּ. ער האָט זיי באַפוילען דערנאָך אויפצושטעהען, זיי צוגעפיהרט צו אַן אָרט, וואו עס זיינען געלעגען גרויסע בערג צוהאַקטע שטיינער און וואו זיי האָבען שוין אָנגעטראָפען אַן ערך דרייסיג אידען אַרבייטענדיגע ביים איבערפיהרען די שטיינער אין איין־ רעדעלדיגע וועגעלעך פון איין פּלאַץ צום צווייטען. פון ביידע זייטען וועג זיינען געשטאַנען דייטשע סאָלדאַטען מיט בייטשען אין די הענט און געשמיסען די אידען איבער די פּלייצעס, פּנים'ער און הענט. אויך דעם „מויגלער" מיט זיין משמש האָט דער אָפיצער איינגעשפּאַנט אין אַט דער אַרבייט. עס האָט געדויערט אַ שעה, צוויי, דריי, און די פיס, די הענט, זיינען שוואַך געוואָרען. דער „מויגלער" איז אַנידערגעפאַלען מיט'ן פאַרבלוטיגטען פּנים אויף די שטיינער. איין סאָלדאַט האָט געזאָגט צום צווייטען: „נעם אַרויס דעם רעוואָלווער און ערלייריג דעם איד! „אָ, ניין", האָט דער צווייטער סאָלדאַט אָפּגעענטפערט, האַלטענדיג אויפגעהויבען איבער'ן ליגענדען דעם שפּיצרוט, „דער איד מוז פריהער אָפּטאָן זיין אַרבייט, איידער ער שטאַרבט!" און קלעפּ פון דער נאַהאַיקע זיינען מיט ווילדער רציחה געפאַלען איבער די פּלייצעס און איבער'ן קאָפּ פון ליגענדיגען. אַלע אידען, און צווישען זיי דעם „מויגלער'ס" משמש, זיינען דאַמאַלסט אומגעקומען פון די דייטשען, וועלכע האָבען זיי דערשאָסען. בלויז ער אַליין, דער „מיוגלער", איז ניצול געוואָרען. זיי האָבען געמיינט, אז ער איז שוין טויט און איהם אַוועקגעלעגט צווישען די אידען, וועלכע זיי האָבען געהאַט דערשאָסען. די דייטשען זיינען אַוועק. ערשט אין מיטען נאַכט האָט דער „מויגלער" געוואַגט זיך אויפצוהויבען. אַ צו'מזיק'טער, אין איבערמענשליכע יסורים, אַ בלוטענדיגער פון צעהנדליגער וואונדען, האָט ער זיך אויפגעהויבען און זיך דערשלעפּט צו אַ ליידיגער פויערישער כאַטע, וואו ער איז אַנידערגעפאַלען אין חלשות אויף דער ערד.

מיט וואָכען שפּעטער האָט דער „מויגלער" זיך צונויפגעטראָפען מיט דער רבי'צין און מיט זיינע קינדער אין טאַרנאָוו. ער האָט געוואוינט אין אַ פאַרלאָזענעם קלייזעל אויף דער לוואָווסקע גאַס, אויפ'ן ערשטען פלאָר. אין איינער אַ נאַכט האָבען די נאַציס ארומגערינגעלט דאָס הויז, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען דאָס קלויז, און עס אונטערגעצונדען. פלאַמען האָבען אין גע־צעהלטע מינוטען אַרומגענומען דאָס הויז פון אַלע זייטען. פון די שיסערייען אין דרויסען זיינען דער „מויגלער" מיט זיין פאַמיליע אויפגעריסען געוואָרען פון שלאָף. דאָס האָבען געשאָסען דייטשע מאַשין־ביקסען, אַז קיינער פון אינע־ווייניג פון די אידען זאָל זיך נישט קענען אַרויסראַטעווען פון דעם ברענענדיגען הויז. דער „מויגלער" איז געלאָפען פון איין פענסטער צום צווייטען. פון דרויסען האָבען איהם אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין פייער־פלאַמען און דאָס טרוקענע קנאַקעריי פון שאָסען. דאָס בלייכע דערשראָקענע פּנים פון רבי'ן איז געבליבען נעבען איינעם פון די געעפענטע פענסטער אונטען, אויפ'ן פּאַרטער פון הויז. עס איז אים אַדורך דורך דער מחשבה: אינעווייניג בלייבען — ס'הייסט פאַר־ברענט ווערען. און אין דרויסען!... ער וועט זיך, זיין ווייב און קינדער איבער־ענטפערן אין גאָט'ס האַנט!...

מיט אידעלעך און בערעלעך, זיינע קינדער, אויף די הענט איז ער אַרויס דורכ׳ן פענסטער, וואָס האָט געפיהרט אין הויף אַריין. צו דער רביצין האָט ער צוגערופען דורך פלאָם און רויך: „נעם חיה־שרה׳לען און צירעל׳ען אויף די הענט!" ביידע זיינען אַריין אין די פלאַמען איינער נאָכ׳ן אַנדערען. ער איז דערנאָך צוריק אַריין. די פלאַמען האָבען אַרומגענומען זיין פּנים, געלעקט די אויגען ווי מיט גליהענדע צונגען. ער האָט גענומען די קלענסטע, ברכה׳לען און סימעלע׳ן, זיי ארונטערגענומען אונטער דער זיידענער בעקעשע. זיי זענען אַלע ניצול געוואָרען, אָפּקומענדיג בלויז מיט לייכטע בראַנדוואונדען.

פון טאַרנאָוו איז דער „מויגלער" מיט זיין משפחה געקומען קיין באָכניא. אין „דזשיקעווער" שטיבעל, וווא ער האָט געוואוינט, האָט ער יעדען אינ־דער־פריה און אָוונט געמאַכט בסוד אַ מנין, אָפּטיילענדיג דעם טייל וואו ער האָט געוואוינט מיט אַ ליילעך. איינער פון דעם „מויגלער׳ס" קינדער, בערעלע, איז געשטאַנען אין דרויסען אויף וואָך, אַכטונג צו געבען צו אַ דייטש קומט נישט און דער צווייטער, אידעלע, איז געהאָנגען מיט׳ן בלייכען פּנימ׳ל זיינעם לעבען אַ שפּאַרע פונ׳ם פענסטער, וואָס איז געווען פאַרקלאָפּט מיט ברעטער. ביים שיין פון דעם לבנה־ליכט האָבען געדאַווענט אינעווייניג די אידען און כאָטש געדאַווענט האָבען זיי זעהר שטיל, בלויז געשעפּטשעט, האָט יעדעס מאָל דער 9 יאָהריגער אידעלע אָפּגעריסען דאָס פּנימ׳ל אַ דערשראָקענער פונ׳ם פענסטער: טאַטע... דוכט זיך, כ׳זעה אַ דייטש!... טאַטע!...

עס איז אָנגעקומען אויגוסט, 1942. אידען פון שטעטעל האָבען געפיהלט, אַז עס רוקט זיך אָן אויך אויף באָכניא דער בייזער פאַרניכטענדיגער שטורם. עס זיינען געקומען טרויעריגע גרוסען פון די אַרומיגע שטעט און שטעטלעך וועגען מאַסען דערשיסונגען, מערדערייען, דעפּאָרטאַציעס פון גאַנצע שטעט און שטעטלעך אידען צו די טויטען־לאַגערען; אַז די דעפּאָרטירטע ווערען אַוועק־געשיקט אין די טויטען־לאַגערען — האָבען אידען אַליין דעמאָלט, אין אויגוסט, 1942, נאָך ניט געוואוסט. אָבער דאָס האַרץ ביי יעדען אידען איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אימה און מיט שרעק פאַר דעם אָנקומענדיגען בייזען געוויטער. אידען האָבען גענומען בויען באַהעלטענישען אויף בוידעמער, אין קעלערען און אונטער דער ערד, אויף אויסצובאַהאַלטען זיך פאַר דעם מערדערישען דייטש. אויך דער „מויגלער" האָט ווי אַלע אנדערע אידען, געזוכט אַ באַהעלטעניש פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע און האָט עס וואָרשיינליך געפונען.

דער טאָג איז געקומען און די דייטשע חיות האָבען ארומגערינגעלט דאָס אידישע געטאָ מיט טאַנקס, קאַנאָנען און מיט מאַשין־ביקסען און ארויס־געבענדיג אַ באַפעהל, אַז אַלע אידען פון געטאָ זאָלען זיך צושטעלען מיט זייער געפּעק ביז דינסטאָג, דעם 25־טען אויגוסט, האַלב נאָך זעקס אַזייגער אינדער־פריה אויף דעם הויף פון די „קאָשארען", לעבען דער באַהן־סטאַנציע, און ווער פון די אידען עס וועט נאָך אָט־דער באַפוילענער צייט אָנגעטראָפען ווערען אין שטאָט וועט ווערען דערשאָסען.

ווען דער טאָג איז געקומען זענען טויזנטער אידען פון באָכניע אַוועקגע־שיקט געוואָרן מיטן אַזוי אָנגערופענעם „טראַנספּאָרט", אין פאַרמאַכטע פערד־וואַגאָנעס, אָן עסן, אָן אַ ביסל וואַסער פאַר די פאַרשמאַכטע, טרוקענע ליפּן, אָן

אַ ביסל פרייע לופט צום אָטעמען, אַריינגעפּרעסטע צו הונדערט און פופציג אידן אין אַ וואַגאָן, צום פאַרניכטונגס־לאַגער אין בעלזשיץ.

און די וואָס זענען איבערגעבליבן? וואָס׳ער גורל האָבן זיי געטיילט?

אינ׳ם פינצטערן לאָך פונ׳ם קהילה בנין, צונויפגעפּרעסטע און פאַרשמאַכטע אָן לופט און אָן אַ ביסעל וואסער פאַרן פאַרטרוקענטען גומען, וואו מיר זענען געלעגען, האָבען זיך דערטראָגען די ווילדע געשרייען און קולות פון די ס. ס.־אישע אָפּטיילונגען. זיי האָט ווי אָפּגעענטפערט דער געוויין פון די אידישע פרויען, דער געיאָמער פון די קליינע קינדער... ווי אַ זעג וואָס רייסט זיך מיט שאַרפע ציין אַריין אינ׳ם טרוקענעם האַלץ, האָט זיך אינ׳ם אַלגעמיינעם געיאָמער און געוויין אַריינגעריסען דעם „מויגלער רבי׳נס" ע״ה אימה׳דיגע קול „שמע ישראל"... דערנאָך איז אַלעס מיט אַמאָל ווי פאַרשטומט געוואָרען. בלויז אַ שטומער קרעכץ פון אַן אַלטן אידן האָט זיך געגומען ווי אַרויסגעריסען פון אונטער דער ערד און דאָס געוויין פון אַ קליין קינד האָט געגומען אויפשווידערען די לופט...

ווי אַזוי אַ אידישער יונגערמאַן האָט גענומען נקמה פון אַ דייטשען אידען־מערדער.

איך וויל דאָ דערצעהלען וועגען אַ פאַל, ווי מאַנכע אידען אין פוילען איז געלונגען נקמה צו נעמען אין זייערע מערדער. דער פאַל געהערט, אמת, צו די זעלטענע.

דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם שטעטעל בריגל־בזשעסקאָ, וואָס ליגט צווישען באָכניאַ און טאַרנאָוו. דאָס האָט געטראָפען מיט אַ אידישען יונגענמאַן פון אַ יאָהר אַכטצעהן, זיין נאָמען איז שמואל ק., עוזר בלעכער׳ס זוהן, פון בריגל. אַהיימקומענדיג פון דאָרף יאַשיען, וואו ער איז געווען ביי באַקאַנטע פויערים, ביי וועמען ער האָט אָנגעקויפט אַביסעל מעהל און ברויט פאַר זיינע הונגעריגע עלטערן און שוועסטער, האָט ער שוין דאָרטען הארט לעבען דער שטאָט באַגעגענט דעם דייטשען אידען־מערדער, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין שטעטעל אונטער׳ן נאָמען שמידט. דער יונגערמאַן האָט ניט געטראָגען דאַן קיין אָרעם־באַנד מיט׳ן מגן דוד. ער האָט זיך געפונען אָהן אַ ספּעציעלע ערלויבניש פון דער דייטשער מאַכט, אויסער׳ן אידישען וואָין־פּערטעל. דאָס זיינען צוויי „פאַרברעכענס" פאַר וועלכע די דייטשען פלעגען דערשיסען אַ אידען אָהן אַ משפט. און אָט די צוויי „פאַרברעכענס" איז דאָס באַגאַנגען דער אידישער יונגער־מאַן שמואל ק. דערצו קומט נאָך דאָס זעקעל מיט שפייז, וואָס ער האָט געטראָגען אויף די פּלייצעס, אויך פון די ניט־קליינע „זינד", ווען עס באַגעהט זיי אַ איד. און ווער איז עס געווען דער זשאַנדאַר שמידט, וואָס איז איהם געקומען אַנט־קעגען? ער איז געווען איינער פון די מערדער, וועמען די דייטשען פלעגען באַנוצען אין יעדען אידישען שטעטעל אין פוילען, ספּעציעל צו דער בלוטיגער מלאכה פון אויספירען עקזעקוציעס איבער אידען.

ווען דער יונגערמאַן האָט דערזעהן דעם דייטש, האָט ער שוין קיין צייט ניט געהאַט צו אַנטלויפען. דער רוצח איז צו איהם צוגעגאַנגען און געפרעגט·

— ביסטו אַ איד? וואו האָסטו דיין אָרעם־באַנד? און וואָס טראָגסטו דאָ? קום!

די אַלע רייד פון דעם רוצח׳ישען דייטש זיינען געפאַלען איבער דעם יונגען איד׳ס צוטומעלטען קאָפּ אַלע מיטאַמאָל. ער האָט נישט באַוויזען אָפּצו־ענטפערען און איז געגאַנגען מיט דעם דייטשען זשאַנדאַר פון דער „עס די״. (סאָנדער דינסט).

ווען זיי זענען צוגעקומען נעהנטער צו דעם שטעטעל, האָט דער דייטש זיך פאַרקירעוועט מיט איהם אויף לינקס צום דאָרף יאַדאָווניקי, צו דעם אַלטען פוילישען בית־עולם, וואו דער רוצח׳שער דייטש האָט געוועהנליך אויסגעפיהרט זיינע עקזעקוציעס איבער אידען. זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען עטליכע פויערישע כאַטקעס. די פויערים, דערזעהענדיג דעם דייטשען זשאַנדאַר ווי ער פירט אַ אידען, האָבען זיך דערשראָקענע צוריקגעצויגען אין די טירען פון זייערע כאַטעס. די פויערים האָבען געוואוסט וואוהין דער דייטש געהט מיט׳ן איד. אַ סך אַיז׳ען האָבען זיי שוין געזעהן דאָ דורכפיהרען. צוריק אָבער האָבען זיי קיינעם פון זיי מעהר נישט געזעהן געהן. זיי האָבען בלויז געהערט פון דערווייטענס דעם אָפּהילך פון שאָסען. אין אַ צייט אַרום איז דער דייטשער זשאַנדאַר געוועהנליך געגאַנגען אַליין צוריק. צוריקגעהענדיג האָט ער געכאַפּט עמיצען פון די פויערים פון דאָרף, זיי אָוועקגעפיהרט אויפ׳ן בית־עולם צו פאַרשיטען דעם פרישען קבר, וואָס דער קרבן אַליין האָט פאַר׳ן דערשאָסען ווערען זיך אויס־געגראָבען.

ווען דער דייטש מיט דעם איד זיינען אַרויס פון דאָרף, האָבען זיי זיך פאַרנומען מיט אַ סטעזשקע צווישען די פעלדער. שמואל האָט געטראַכט: „זאָל עס שוין זיין דער לעצטער טאָג, די לעצטע שעה?״ ער האָט געטראַכט וועגען זיין היים, וועגען זיין פאָטער, מוטער, וועגען זיינע ברידער און שוועסטער. זיי וואַרטען איצטער אַלע אויפ׳ן ברויט, וואָס ער טראָגט דאָ אין זעקעל. זיי זיינען אַלע הונגעריג. שוין טעג, אַז זיי האָבען גאָרנישט געהאַט אין מויל. וועלען זיי זיך דערוויסען אַמאָל וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען? און דאָס זעקעל מיט די שפּייז, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל מסירת־נפש קוים צונויפגעקויפט ביי די פויערים — צו וועמען אין די הענט וועט עס אַריינפאַלען? ווער וועט דערפון געניסען?... אָט איז רעכטס אויף אַ באַרג דאָס וועלדעל, וואו ער מיט זיינע חברים פלעגען אַרויסגעהען אין די שבת׳דיגע נאָכמיטאָגס. זיי פלעגען דאָרטען שטיפען, זיך וואַלגערן אויף דער ערד, קלעטערען אויף די בוימער.

— יודע, געה פאַראויס!

דאָס קול פון דעם דייטש האָט מיט אַמאָל איהם אַרויסגעריסען פון זיינע געדאַנקען. ער האָט געמאַכט אייניגע טריט פאַראויס. דער דייטש, פאַר קערט, האָט פאַרלאַנגזאַמט זיינע טריט, געבליבען פון הינטען. שמואל האָט זיך אומגעקוקט. ער האָט געזעהן, ווי דער דייטש עפענט־אויף דעם רעוואָלווער־טאַש, נעמט־אַרויס דעם רעוואָלווער. דאָס האַרץ האָט זיך איהם ווי אָפּגעשטעלט. איצט,

אדער קיינמאל נישט! — איז דורכגעלאפען ווי א בליץ דורך זיין געדאנק. א רגע האט עס געדויערט, ער האט אוועקגעשליידערט פון זיך דאס פעקעל מיט די שפייז, פלינק ווי א קאץ איז ער א שפרונג געטאן צום דייטש, איהם א כאפ געטאן פאר דער האנט מיט׳ן רעוואלווער, און מיט דער צווייטער האנט איהם דערלאנגט א זעץ איבער׳ן קאפ. רגע׳ס האט עס געדויערט. עס האט אפגעהילכט א שאס. דער שאס האט אבער דאס מאל קיינעם נישט געטראפען. גלייך דערנאך איז אבער דער רעוואלווער געווען אין דער האנט פון דעם יונגען איד. אין דעם מאמענט, ווען דער רעוואלווער איז געווען אין דער האנט פונ׳ם איד, האט זיך די לאגע אינגאנצען געביטען. דער דייטש איז געשטאנען בלייך און צוטומעלט, דאס גאנצע גדלות איז פון איהם אפגענומען געווארען. פארלארען און הילפלאז איז ער געשטאנען קעגענאיבער דעם יונגען איד, אהן זיין היטעל, וואס איז אראפגעשליידערט געווארען פון זיין קאפ דורך דעם זעץ, וואס שמואל האט איהם דערלאנגט.

— איצט געה דו פאראויס, הונט! — האט שמואל שווער אפגעאטעמט.
— נאר, נייך,ווארט! — און ער האט איהם מיט׳ן הענטעל פון רעוואלווער דערלאנגט איבער׳ן קאפ איינמאל און נאכאמאל. דער דייטש האט זיך א וואקעל געטאן און איז אומגעפאלען. איינער נאכ׳ן אנדערען האבען אפגעהילכט דריי שאסען.

צוריקגעגאנגען איז שמואל נישט מיט׳ן זעלביגען וועג, מיט וועלכען ער איז געקומען. דורך סטעזשקעס איז ער געגאנגען, אויסגעמיטען דעם הויפט־וועג. שפעט בייננאכט איז ער אנגעקומען קיין באכביא. איינציגע טעג איז ער דא געווען און איז דערנאך אוועק ווייטער. ער איז איינגעשטאנען ביי זיין קרוב מענדעל ק., וועלכער האט געוואוינט אויף דער קאוואלסקע גאס. דארטען האב איך איהם געזעהן און גערעדט מיט איהם. ער האט מיר אלץ איבערגעגעבען אויספירליך. ער איז געווען גליקליך. זיינע אויגען האבען געלויכטען פון אינער־ליכער באפרידיגונג. בריגעל איז באפרייט געווארען פון דעם אידען־מערדער שמידט!...

כן יאבדו כל איביך ה׳.

מיר שטראמען...

מיר זענען די כוואליעס וואס שטראמען
פון מזרח צו מערב,
פון צפון צו דרום
מיר רייסען די ברעגעס
צוקרישלען די פעלזן
מיט אימפעט און שטורעם
מיר זענען די יוגנט פון שטאל געהאמערט —
באלאדן מיט אומרו מיר שפאנען אויף וועג.
מיר טראגן א וועלט א חשכ׳ע אויף אונזערע ריקנס
צו זוניגע טעג.
מיר גייען, מיר גייען דורך נעכט חשכ׳דיגע
מיט פויסטן געביילטע, מיט מוסקלען, ווי שטאל —
געשלאסן די ארעם! —
מיר זענען די כוואליעס, וואס שטראמען
פון מזרח צו מערב
פון צפון צו דרום!..